# אַן אני מאַמין פֿאַר אַ וועלטלעכער בת/בר מיצווה

**איך בין איך.**
**איך בין אַ מענטשלעכע באַשעפֿעניש.**

אַלץ וואָס ס'רירט־אָן אַנדערע מענטשן־קינדער איז מיר ניט מאָדנע צי פֿרעמד. אַלע פֿרויען און מענער זײַנען מײַנע שוועסטער און ברידער.

**איך בין אַן אַמעריקאַנער.**

די חלומות פֿון די אַלע מיליאָנען, אײַנגעבוירענע צי אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געשוויצט, געקעמפֿט און זײַנען געשטאָרבן פֿאַר זייערע חלומות...אָט־דאָס איז מײַן ירושה. די חלומות זײַנען נאָך ניט מקוים געוואָרן. דערפֿאַר ליגט מײַן יחות אין דעם התחײַבות אָנצוגיין ווײַטער מיטן קאַמף פֿאַרן חלום.

**איך בין אַ ייִד.**

מײַנע וואָרצלען טרעפֿן טיף אין די יאָרטויזנטער וואָס האָבן מײַן פֿאָלק־קולטור אויסגעפֿורעמט. מײַן פֿאָלק איז ניט אויסדערוויילט; ס'איז אַן איין־איינציקס, פּונקט ווי יעדעס פֿאָלק איז אַן איין־איינציקס.

די פֿרײַהײַט טרוים פֿון משה רבינו איז מײַן ירושה און די פּיקעטס בײַ די סוועט־שעפּער. איך בין אַ קינד פֿון די נביאים און פֿון די אויפֿשטאַנדן אין די איראָפּעיִשע געטאָס און מאָרד לאַגערן. מײַן ירושה קלינגט־אָפּ אין די לידער פֿון הירש גליק און שלומה המלך, אין דער חכמה פֿון ספּינאָזאַ'ן, שלום עליכמ'ען און פּרצ'ן...אין דער גבורה פֿון די מכּבייער און חנה סענעש. די שיינקייט פֿון מײַן פֿאָלק'ס חלומות הערט מען אויף ייִדיש, אויף העברעיִש, אויף לאַדינאָ און אויף אַלע לשונות פֿון דער וועלט־־דער טרוים פֿון אַ בעסערער, שענערער, מער מענטשלעכער וועלט.

**איך בין אַ ייִד.**

יעדער איינער מוז האָבן וואָרצלען און אָט־די זײַנען מײַנע.

**איך בין איך.**

מײַן בליק און מײַנע טרוימען צילן אין דער צוקונפֿט. מײַן איך און מײַן כּוח שעפּן פֿון דעם נעכטן און דעם הײַנט. פֿון דער ירושה פֿון אונדזער גאַנצער פֿאַרגאַנגענהײַט וועל איך העלפֿן בויען אַ מאָרגן פֿון יושר און שלום פֿאַר דער מענטשהײַט.

הערשל האַרטמאַן